בס"ד

# דעם רבינ'ס ליכט

וישב תשפ"ב
גליון 69



אַיְיעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### אַ גוּטְן לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוין הַארְט פַאר חֲנוּכָּה, וְוי עֶס אִיז בַּאוואוּסְט הָאבְּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה קוֹבֵעַ גֶעוֶוען אִין דִי חֲנוּכָּה טֶעג, לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל, צוּ דַאנְקְן אוּן לוֹיבְּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען.

דֶער עִיקָר פוּנֶעם דַאנְקְן גֶעבְּן מִיר אַרוֹיס בַּיים זָאגְן הַלֵּל מִיט שִׂמְחָה, נִישְׁט נָאר בַּיים הַלֵּל פוּן חֲנוּכָּה טֶעג נָאר אוֹיךְ אַלֶע יָמִים טוֹבִים הָאבּ חֲזַ"ל קוֹבֵעַ גֶעוֶוען צוּ זָאגְן הַלֵּל, אַזוֹי וְוי ס'שְׁטֵייט זֵכֶר עָשָׂה לְנִפְלְאוֹתָיו חַנּוּן וְרַחוּם ה' אוּן רַשִׁ"י טַייטְשְׁט אוֹיף דֶעם אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיס רַחֲמָנוּת פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וָואס הָאט אוּנְז קוֹבֵעַ גֶעוֶוען יָמִים טוֹבִים וָואס זֵיי זֶענֶען אַ גֶעדֶענְקוּנְג צוּ דִי נִסִּים אוּן וואוּנְדֶער וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אוּנְז.

עֶס פְרֶעגְט זִיךְ גְלַייךְ אַ פְרַאגֶע: "וָואס אִיז דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אַז מִיר דֶערְמַאנֶען בְּשָׁעתְ'ן זָאגְן הַלֵּל דִי נִסִּים אוּן וואוּנְדֶער וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אוּנְז אַמָאלִיגֶע צַייטְן? לַיידֶער זֶענֶען מִיר נָאךְ טִיף אִין בִּיטֶערְן גָלוּת, לִכְאוֹרָה וָואלְט בֶּעסֶער גֶעוֶוען מִיר זָאלְן עֶנְדֶערְשׁ בֶּעטְן אוּן שְׁרַייעֶן צוּם בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל שׁוין רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז אוּן אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן גָלוּת אוּן אוֹיסְלֵייזְן מִיט אַ גַאנְצֶע גְאוּלָה," אוּן וְוי מִיר זֶען הָאבְּן טַאקֶע חֲזַ"ל בַּאשְׁטִימְט תְּפִלּוֹת אוֹיף דֶעם מֶשֶׁךְ דֶעם גָלוּת.

עֶנְטְפֶערְט ר' נָתָן, דֶער אֱמֶת אִיז אַז שְׁרַייעֶן אוּן בֶּעטְן אִיז זֵייעֶר וויכְטִיג אוּן טַייעֶר אוּן דוּרְכְדֶעם קֶענֶען מִיר זִיךְ הַאלְטְן אִין גָלוּת, אַזוֹי וְוי חֲזַ"ל זָאגְן "אֵין כֹּחֵינוּ אֶלָּא בְּפֶה", אָבֶּער אוֹיבּ מִיר וֶועלְן נָאר שְׁרֵייעֶן אוּן זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעבְּן מִיט דַאנְקְן אוּן לוֹיבְּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ קֶענֶען מִיר חָלִילָה אוֹיפְהֶערְן אִינְגַאנְצְן זִיךְ צוּ קֶערְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן - אוֹיבּ מִיר וֶועלְן זִיךְ נָאר אַרוּמְקוּקְן אוֹיף דִי צָרוֹת אוּן בִּיטֶערְנִישְׁן וָואס מִיר גֵייעֶן אַרִיבֶּער אִין גָלוּת.




דֶערִיבֶּער הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער מִיט זַיין גְרוֹיס חֶסֶד גֶעגֶעבְּן דִי יָמִים טוֹבִים, וָואס דֶעמָאלְט אִיז אַ צַייט וֶוען מִיר דֶערְמַאנֶען זִיךְ אִין דִי גֶעוַואלְדִיגֶע נִסִּים וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מִיט כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוּן מִיט יֶעדְן פוּן אוּנְז פְּרִיוַואט, אוּן מֶען זָאגְט דַאן הַלֵּל אוֹיף אַלֶע נִיסִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוּן וָואס ס'וֶועט זַיין בִּיזְן סוֹף, אַזוֹי וֶועלְן מִיר קֶענֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אַלֶע אוּנְזֶערֶע שְׁוֶוערִיקַייטְן צוּ שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד.

דָאס הֵייסְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג צוּ שְׁרֵייעֶן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, עֶס פַארְלַאנְגְט זִיךְ אוֹיךְ דַאנְקְן אוּן לוֹיבְּן!

המשך אויף זייט 12

# אן אייביגע "לאטקע"

יענקעלע איז געווען א יתום. ער האט נעבעך נישט געקענט וואוינען אינדערהיים ווי אלע קליינע קינדער וועלכע האבן א ווארימע טאטע און מאמע וואס זארגן זיך פאר זיי. די פארוואלטער פון קינדערהיים זענען טאקע געווען עקסטער געטריי און איבערגעגעבן צו די נעבעכדיגע יתומים אבער עס האט אים געפעלט די ווארימקייט פון א ליבע משפחה. ביינאכט אין די טינקלקייט, ווען ער איז געלעגן אין בעט האט ער גע'חלומ'ט פון זיין ליבע מאמע און טאטע פון וועמען ער איז אזוי ווייט. אינמיטן האט ער געפילט ווי זיין קישן ווערט נאס. אוי, זיינע טרערן זענען גערינען אן רשות און אים פארפלייצט מיט פליסיגקייט.



פון צייט צו צייט פלעגט זיך יענקעלע אריבערכאפן קיין קטמון וואו עס האט זיך געפונען די ברסלב'ער שול. דארט צווישן אנ"ש האט יענקעלע זיך געשפירט פארזיכערט. די ווארימע ווערטער פון רבי'ן וואס ער האט דארט געהערט האט אים אנגעווארעמט זיין פאר'חלש'טע הארץ.

חנוכה. יענקעלע בענקט צו זיין היים. צו זיין טאטענ'ס הייליגע לעכט צינדן. אוי, זיין מאמע'ס הייסע לאטקעס. זיין הארץ גייט אויס פאר בענקשאפט. זיינע פוס האבן פון זיך אליינס זיך ארויסגעלאזט אויף דער באקאנטער וועג קיין קטמון. ער האט אריינגעשפאנט אין שול און זיך אויסגעמישט צווישן עולם און זיך איינגעהערט צו די הייליגע ווערטער פון רבי'ן וואס די ברסלב'ער לייט האבן דארט ארומגערעדט. די ריקודים און פייערליגע טענץ האט אים ממש דערקוויקט. נאך א לאנגע חנוכה פארברענג האט יענקעלע'ס הארץ געשפירט אנגעזעטיגט אבער זיין קערפער האט נישט געוואלט פארגעסן אז ער האט פארפאסט דעם נאכטמאל אין קינדערהיים. יא, זיין נשמה איז זאט אבער וואס איז מיט זיין מאגן? ער איז הונגעריג, מ'קען זיך נישט ארויסדרייען פון עסן. יענקעלע וויל עפעס נעמען אין מויל אבער סאיז נישט געווען וואס. אין יענע צייט האט געהערשט א שרעקליכע הונגער. סאיז קוים געווען אביסל ברויט צו באקומען. אבער ביינאכט איז שוין אלעס געווען אויסגעליידיגט.

שעמעוודיגערהייט האט זיך יענקעלע צוגעשלייכט צו ר' שמואל שפירא ז"ל.

"איך בין הונגעריג," האט ער ארויסגעשעטאמלט שטיל.

ר' שמואל האט געעפנט זיינע מילדע אויגן אויפ'ן נעבעכדיגער יתום'ל וואס האט נישט ווער עס זאל זיך זארגן פאר אים.

"זיכער, יענקעלע," האט ר' שמואל אים געענטפערט מיט רחמנות, "קום מיט מיר אהיים וועל איך דיר בל"נ געבן א לאטקע." און ר' שמואל איז אהיים מיט יענקעלע אים צו קענען געבן א לאטקע.

דאס איז געווען א גרויסע מציאה אין יענע הונגעריגע צייטן.

ר' שמואל שפאנט אריין אין הויז אין גייט גלייך אריין אין קאך צו זיין רעביצין.

"וואו זענען די לאטקעס?" פרעגט ער איר, "יענקעלע איז הונגעריג".

"אה", קרעכצט די רעביצין פריידא, אפילו א ברעקל איז שוין נישט געבליבן. די הונגעריגע קינדער האבן אלעס אויפגעגעסן..."

"אוי וויי", האט ר' שמואל ארויסגעקרעכצט, "וואס וועט זיין מיט יענקעלע? ער איז הונגעריג. כ'האב אים דאך אנגערייצט מיט א לאטקע."

ר' שמואל האט געהאט גרויס עגמת נפש פון דעם וואס יענקעלע האט נישט באקומען א לאטקע. ער האט עס געדענקט אלע זיינע לעבענ'ס טעג אפילו לאנג נאכדעם וואס יענקעלע האט שוין פארגעסן דערפון.

דעם אנדערן טאג איז געווען פרייטאג. ר' שמואל האט איינגעלאדענט יענקעלע צו די סעודות און אים שטארק מכבד געווען. און יעדעס מאל ווען ער האט אים געטראפן האט ער אים נאכאמאל איבערגעבעטן און אים מכבד געווען מיט וואס ער האט געהאט.

ר' משה בורשטיין ז"ל האט דערציילט אז ר' שמואל איז אמאל געווען געווארן אז ער פלאנט צו פארן אויף וואקאציע האט ער אים געבעטן אז ער זאל מיטנעמען דעם יתום יענקעלע און אים מכבד זיין.

מיט ר' שמואל'ס רחמנות האט יענקעלע זיך פארדינט מער ווי א לאטקע. ער האט שטענדיג געהאט א פלאץ אין ר' שמואל'ס הארץ און ווען אימער ר' שמואל האט אים באגעגנט, האב ער אים ווידעראמאל איבערגעבעטן.

# מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע



**וָואס אִיז דַיין נָאמֶען**

יִצְחָק

**ווּאוּ וואוֹינְסְטוּ**

אִין אַ שְׁטֶעטֶעלֶע לָאקוּב, פּוֹלִין

**הָא, זֵייעֶר וַוייט פוּן דָא!**

**וָואס קֶענְסְטוּ אוּנְז דֶערְצֵיילְן פוּן דַיין לֶעבְּן אִין פּוֹלִין?**

מַיין טַאטֶע אִיז אַ סוֹחֵר פוּן מֶעל. עֶר פַארְמָאגְט אַ גְרוֹיסֶע מִיל וואוּ עֶס וֶוערְן גֶעמָאלְן יֶעדְן טָאג הוּנְדֶערְטֶער זֶעקְלֶעךְ פוּן מֶעל. אִינְדְרוֹיסְן פוּן מִיל שְׁטֵייעֶן אַסַאךְ וָועגֶענֶער גְרֵייט אָנְצוּלָאדֶענֶען דָאס גֶעפֶּעק זֵיי אַרִיבֶּערְצוּפִירְן אִין דִי גֶעשֶׁעפְטְן אִין דִי גֶעגְנְטֶער אַרוּם.

מַיין טַאטֶע עֶפֶנְט נִישְׁט דֶעם מִיל פַאר עֶר לֶערְנְט זַיינֶע בַּאשְׁטִימְטֶע שִׁעוּרִים. עֶטְלִיכֶע שָׁעָה נָאכְן דַאוֶונֶען אִיז עֶר פַארְטִיפְט אִינֶעם לֶערְנֶען. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דו קוּנְדְן זֶענֶען גְרֵייט אִים אוֹיסְצוּוַוארְטְן ווייל זֵיי גְלֵייכְן זֵייעֶר צוּ הַאנְדְלְן מִיט מַיין טַאטְן, וַוייל עֶר אִיז אַ גְלַייכֶער אוּן עֶרְלִיכֶער אִיד, בַּיי אִים בַּאקוּמְט מֶען פּוּנְקְט וָואס מֶען בַּאשְׁטֶעלְט, פְרִישׁ אוּן שֵׁיין גֶעפַּאקְט.

**וֶועלְכֶער חָסִיד אִיז דַיין טַאטֶע?**

אַ גוּר'עֶר חָסִיד.

**דוּ הָאסְט עֶפֶּעס שַׁייכוּת צוּם בְּרֶסְלֶב'עֶר רֶבִּי'ן?**

יָא, גָאר אַסַאךְ! לָאמִיר אַייךְ פַארְצֵיילְן אַן אִינְטֶערְעסַאנְטֶער עֶפִּיזָאד וָואס הָאט מִיט מִיר פַּאסִירְט.

נֶעבְּן אוּנְזֶער שׁוּל, אִיז דָא אַ סְפֶּעצְיֶעלֶער פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען לֵייגְן גְנִיזָה, אַלְטֶע צוּרִיסֶענֶע סְפָרִים וָואס מֶענְטְשְׁן לֵייגְן אִין שֵׁמוֹת. עֶס אִיז דָא אַ הוֹיכֶער וַואנְט, אוֹיבּ מֶען ווִיל דָארְט אַרִיבֶּערְוַוארְפְן דִי גְנִיזָה דַארְף מֶען אַרוֹיפְקְרִיכְן אוֹיפְן וַואנְט אוּן דָארְט אַרַיינְוַוארְפְן דִי שֵׁמוֹת.

דִי קִינְדֶער דָא אִין שְׁטֶעטֶעלֶע זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דֶעם צוּ אַרוֹיפְקְרִיכְן אוֹיפְן וַואנְט אוּן אִיבֶּערְגֶעמֶען דִי זֶעק שֵׁמוֹת אוּן אַרַיינְוַוארְפְן אִין גְנִיזָה. אִיךְ בִּין גְרָאדֶע גַאנְץ אַ לֶעבֶּעדִיגֶער אִינְגְל! אִיךְ קֶען אוֹיךְ גוּט דִי מְלָאכָה!

אֵיין טָאג וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פַארְאַנְטְוָוארְטְלִיךְ צוּ זַיין אוֹיף דֶעם שְׁטֶעלֶע, מְסַדֵּר צוּ זַיין דִי גְנִיזָה, הָאבּ אִיךְ אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דִי זֶעק מִיט צוּרִיסֶענֶע סְפָרִים אִיךְ הָאבּ גֶעזוּכְט עֶפֶּעס שֵׁיינֶע סֶפֶר, אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ קֶענֶען אַהֵיים נֶעמֶען עֶפֶּעס אַן אִינְטֶערְעסַאנְט בִּיכְל וֶוען פְּלוּצְלִינְג הָאבּ אִיךְ בַּאמֶערְקְט אַ סֵפֶר'ל אָן אַ דֶעקְל פַארְוָוארְפְן אִין דִי גְנִיזָה, אִיךְ הָאבּ עֶס אַרַיינְגֶעשְׁטִיפְּט אִין מַיין טַאשׁ אוּן צוּגֶעעֶנְדִיגְט מַיין אוֹיפְגַאבֶּע.

נָאכְן עֶנְדִיגְן דִי אַרְבֶּעט הָאבּ אִיךְ זִיךְ דֶערְמַאנְט אִין דֶעם סֵפֶר, אִיךְ הָאבּ גֶעזוּכְט אַ שְׁטִילֶער ווִינְקְל וואוּ אִיךְ קֶען זִיךְ רוּאִיג אַרַיינְטוּן אִין דֶעם סֵפֶר. דֶער בֵּית הַמִּדְרָשׁ אִיז גְרָאדֶע פַארְמַאכְט אִין דִי שָׁעָה'ן, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַן אָפֶענֶער פֶענְסְטֶער אוּן זִיךְ גַאנְץ שְׁנֶעל גֶעטְרָאפְן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ פַארְטִיפְט אִינֶעם נֵייעֶם סֵפֶר "הִשְׁתַּפְּכוּת הַנֶּפֶשׁ".

נָאכְן לֵיינֶען עֶטְלִיכֶע שְׁטִיקְלֶעךְ בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אַזוֹי צוּגֶעצוֹיגְן צוּ דֶעם סֵפֶר ווִי עֶפֶּעס אַ הֶעכֶערְקַייט הָאט מִיר בַּאנוּמֶען, דִי וֶוערְטֶער הָאבְּן מִיר בַּארוּאִיגְט אוּן דֶערְקְווִיקְט מַיין זֶעל מִיט בֶּענְקְשַׁאפְט אוּן גְלוּסְטֶענִישׁ צוּם בַּאשֶׁעפֶער, זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן

המשך אויף זייט 7

# בֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ

~3~




אִינְדֶערְפְרִי הָאט עֶר אַ קוּק גִיטָאן. הָאט עֶר גִיזֶעהְן. אַז דִי בְּהֵמוֹת שְׁטֵייעֶן נָאהנְט לֶעבִּין אִים. אִיז עֶר אַרָאפּ פוּן דֶעם בּוֹים. אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען זֵיי חַאפִּין. זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער אַנְטְלוֹיפִּין גִיוָוארִין אִיז עֶר זֵיי נָאךְ גִיגַאנְגֶען וַוייטֶער. אוּן זֵיי זֶענֶען וַוייטֶער אַנְטְלוֹיפִּין גִיוָוארִין.

אוּן דִי בְּהֵמוֹת הָאבִּין זִיךְ גִיפוּנֶען דָארְט עֶפֶּעס גְרָאז צוּ עֶסִין. הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִישְׁטֶעלְט פַּאסֶען. אִיז עֶר נָאךְ גִיגַאנְגֶען זֵיי חַאפִּין. זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער אַנְטְלוֹיפִּין גִיוָוארִין אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַלְץ זֵיי נָאךְ גִיגַאנְגֶען אוּן זֵיי אַנְטְלוֹיפִּין עֶר גֵייט זֵיי וַוייטֶער נָאךְ אוּן זֵיי אַנְטְלוֹיפִּין.

בִּיז עֶר אִיז אַרַיין גִיקוּמֶען אִין זֵייעֶר גִידִיכְטְן וַואלְד אַרַיין. וָואס דָארְטִין אִיז שׁוֹין גִיוֶוען חַיּוֹת וָואס זֵיי הָאבִּין גָאר קֵיין מוֹרָא נִיט פַאר קֵיין מֶענְטְשְׁן וָוארִין זֵיי זֶענֶען וַוייט פוּן דֶעם יִישׁוּב. אוּן סֶע ווִידֶער גִיוָוארִין נַאכְט. אוּן עֶר הָאט גִיהֶערְט דָאס קוֹל ווִי דִי חַיּוֹת בְּרוּמֶען. אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גִישְׁרָאקִין.

דֶערְוַוייל הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן ווִי סֶע דָארְט גִישְׁטַאנֶען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער בּוֹים. אִיז עֶר אַרוֹיף אוֹיף דֶעם בּוֹים. ווִי עֶר אִיז אַרוֹיף אוֹיף דֶעם בּוֹים. הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן. סֶע לִיגְט דָארְט אֵיין מֶענְטְשׁ. הָאט עֶר זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן. נָאר פוּן דֶעסְט וֶועגִין. הָאט עֶר הֲנָאָה גִיהַאט. מַחְמַת עֶר הָאט דָא גִיפוּנֶען אַ מֶענְטְשְׁן.

הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִיפְרֶעגְט אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע וֶוער בִּיסְטוּ. אַ מֶענְטְשׁ. וֶוער בִּיסְטוּ. אַ מֶענְטְשׁ. פוּן וַואנֶעט קוּמְסְטוּ אַהֶער. הָאט עֶר אִים נִיט גִיוָואלְט דֶערְצֵיילִין וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּער גִיטָאן.

הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. דָארְךְ דִי בְּהֵמוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעפַּאשֶׁעט. זֶענֶען צְוֵויי בְּהֵמוֹת פַארְגַאנְגֶען אַהֶער. אוּן דוּרְךְ דֶעם בִּין אִיךְ אַהֶער גִיקוּמֶען. הָאט עֶר ווִידֶער גִיפְרֶעגְט יֶענֶעם מֶענְטְשְׁן וָואס עֶר הָאט גִיפוּנֶען דָארְט אוֹיף דֶעם בּוֹים. פוּן וַואנֶעט קוּמְסְטוּ אַהֶער. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְטְפֶערְט. אִיךְ בִּין אַהֶער גִיקוּמֶען דוּרְךְ דֶעם פֶערְד. וָוארִין אִיךְ הָאבּ גִירִיטְן אוֹיף אַ פֶערְד.

הָאבּ אִיךְ מִיךְ גִישְׁטֶעלְט אָפְּרוּעֶן. אִיז דָאס פֶערְד פַארְגַאנְגֶען אִין וַואלְד אַרַיין. הָאבּ אִיךְ עֶס נָאךְ גֶעיָאגְט אִיךְ זָאל עֶס חַאפִּין. אוּן דָאס פֶערְד אִיז וַוייטֶער אַנְטְלוֹיפִּין גִיוָוארִין.

בִּיז אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען אַהֶער. הָאבִּין זֵיי צְווִישְׁן זִיךְ גִימַאכְט. אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ הַאלְטִין אִין אֵיינֶעם. אוּן זֵיי הָאבִּין אָפְּגֶעשְׁמוּסְט. אַז אַפִילוּ אַז זֵיי וֶועלִין קוּמֶען אִין יִשּׁוּב אַרַיין זָאלִין זֵיי זִיךְ אוֹיךְ הַאלְטְן אִין אֵיינֶעם.

אוּן זֵיי הָאבִּין דָארְט אִיבֶּער גִינֶעכְטִיגְט בֵּיידֶע אוּן זֵיי הָאבִּין דָארְט גִיהֶערְט דָאס קוֹל פוּן דִי חַיּוֹת ווִי זֵיי הָאבִּין גִיבְּרוּמְט אוּן הָאבִּין זֵייעֶר גִישְׁרִיגְן.

אַקֶעגִין טָאג. הָאט עֶר גִיהֶערְט זֵייעֶר אַ גְרוֹיס גִילֶעכְטֶער (חַא חַא חַא) אִיבֶּערִין גָארְן וַואלְד (כְּלוֹמַר דָאס קוֹל פוּן דֶעם גִילֶעכְטֶער אִיז גִיגַאנְגֶען אִיבֶּער גָאר דֶעם וַואלְד) וָוארִין סֶע גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיס גִילֶעכְטֶער.

בִּיז דֶער בּוֹים הָאט גִיצִיטֶערְט פוּן דֶעם קוֹל פוּן דֶעם גִילֶעכְטֶער. אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן גִיוָוארִין אוּן הָאט גְרוֹיס פַּחַד גִיהַאט דֶערְפוּן.

הָאט אִים דֶער אַנְדֶערֶער גִיזָאגְט (דְהַיְינוּ דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט גִיפוּנֶען דָארְט אוֹיף דֶעם בּוֹים) אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גָאר קֵיין פַּחַד נִישְׁט דֶערְפוּן וָוארִין אִיךְ נֶעכְטִיג דָא שׁוֹין כַּמָּה נֶעכְט. אִיז אַלֶע נַאכְט אַזוֹי. ווִי עֶס קוּמְט נָאהנְט צוּ טָאג. הֶערְט מֶען דָאס גִילֶעכְטֶער. בִּיז אַלֶע בֵּיימֶער צִיטֶערְן אוּן טְרֶעסִין זִיךְ.

הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גִישְׁרָאקִין אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּם אַנְדֶערִין עֶס הָאט אַ פָּנִים אַז דָא אִיז דָאס אָרְט פוּן דִי לַייט (כְּלוֹמַר פוּן דִי שֵׁדִים) וָוארִין

אין יִשׁוּב הֶערְט מֶען גָאר נִיט אַזוֹי אֵיין גִילֶעכְטֶער וָוארִין וֶוער הָאט גִיהֶערְט אַ גִילֶעכְטֶער אוֹיף גָאר דֶער וֶועלְט.

דֶערְנָאךְ אִיז גִיוָוארִין תֵּיכֶף טָאג. הָאבִּין זֵיי אַ קוּק גִיטָאן. הָאבִּין זֵיי גֶעזֶען. דִי בְּהֵמוֹת זַיינֶע שְׁטֵייעֶן. אוּן דָאס פֶערְד פוּן יֶענֶעם אִיז אוֹיךְ גִישְׁטַאנֶען. זֶענֶען זֵיי אַרָאפּ גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאבִּין אָנְגִיהוֹיבִּין נָאךְ צוּ יָאגְן. דֶער נָאךְ דִי בְּהֵמוֹת אוּן דֶער נָאךְ דֶעם פֶערְד.

אוּן דִי בְּהֵמוֹת זֶענֶען אַנְטְלוֹיפִין וַוייטֶער אוּן עֶר יָאגְט נָאךְ וְכוּ' כַּנַּ"ל. אוּן אַזוֹי דֶער אַנְדֶערֶער יָאגְט אַלְץ נָאךְ דָאס פֶערְד אוּן דָאס פֶערְד אַנְטְלוֹפְט אַלְץ בִּיז זֵיי זֶענֶען פַארְגַאנְגֶען אֵיינֶער פוּן דֶעם אַנְדֶערִין. אוּן אֵיינֶער פוּן דֶער אַנְדֶערִין הָאט שׁוֹין נִיט גְוואוּסְט.

דֶערְוַוייל הָאט עֶר גִיפוּנֶען (דְהַיינוּ דֶער בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר הָאט עֶס נָאךְ גֶעיָאגְט נָאךְ דִי בְּהֵמוֹת) אַ זַאק מִיט בְּרוֹיט. אוּן דָאס אִיז בְּוַודְאַי זֵייעֶר חָשׁוּב אִין אַ מִדְבָּר. הָאט עֶר גֶענוּמֶען דֶעם זַאק אוֹיף דִי פְּלֵייצֶעס. אוּן אִיז נָאךְ גִיגַאנְגֶען דִי בְּהֵמוֹת.

דֶערְוַוייל הָאט עֶר בַּאגֶעגִנְט אֵיין מֶענְטְשׁ. הָאט עֶר זִיךְ אִין דֶער תְּחִילָה דֶערְשְׁרָאקְן נָאר פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט. הָאט עֶר אַבִּיסְל הֲנָאָה גֶעהַאט. וַוייל עֶר הָאט דָא גִיפוּנֶען אֵיין מֶענְטְשׁ.

הָאט אִים גִיפְרֶעגְט דֶער מֶענְטְשׁ. וִוי קוּמְסְטוּ אַהֶער. הָאט עֶר צוּרִיק גִיפְרֶעגְט יֶענֶעם מֶענְטְשְׁן. וִוי קוּמְסְטוּ אַהֶער הָאט אִים יֶענֶער מֶענְטְשׁ גִיעֶנְפֶערְט אִיךְ (מִיט אַ לָשׁוֹן וִוי אֵיינֶער פַארְוִוינְדֶערְט זִיךְ) מַיינֶע עֶלְטֶערִין. אוּן מַיינֶע עֶלְטֶערִינְס עֶלְטֶערִין. זֶענֶען דָא מְגוּדָל גִיוָוארִין.

אָבֶּער דוּ. וִוי קוּמְסְטוּ אַהֶער. וָוארִין אַהֶער קוּמְט גָאר קֵיין מֶענְטְשׁ נִיט פוּן דֶעם יִשׁוּב. הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקִין. וָוארִין עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען. אַז דָאס אִיז גָאר קֵיין מֶענְטְשׁ נִישְׁט. וָוארִין עֶר זָאגְט אַז זַיינֶע עֶלְטֶערִין זֶענֶען דָא מְגוּדָל גִיוָוארִין. אוּן קֵיין מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם יִשׁוּב קוּמְט גָאר אַהֶער נִיט.

הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז גָאר קֵיין מֶענְטְשׁ נִישְׁט. נָאר פוּן דֶעסְט וֶועגִין הָאט עֶר אִים גָאר נִיט גִיטָאן אוּן עֶר הָאט אִים מְקָרֵב גִיוֶוען (דְהַיינוּ דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד הָאט קֵיין שׁוּם שְׁלֶעכְץ נִיט גִיטָאן. דֶעם בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז נָאךְ גִיגַאנְגֶען נָאךְ דִי בְּהֵמוֹת)

אוּן דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט. וָואס טוּסְטוּ דָא הָאט עֶר אִים גִיעֶנְטְפֶערְט. עֶר יָאגְט נָאךְ דִי בְּהֵמוֹת. הָאט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ צוּ אִים אָנְגִירוּפְן הֶער שׁוֹין אוֹיף נָאךְ יָאגִין דַיינֶע עֲווֹנוֹת.

וָוארְן דָאס אִיז גָאר קֵיין בְּהֵמוֹת נִישְׁט. נָאר דַיינֶע עֲווֹנוֹת פִירִין עֶס דִיךְ אַזוֹי אַרוּם. גִינוּג שׁוֹין. דוּ הָאסְט שׁוֹין אָפּ גִינוּמֶען דָאס דַיינִיקֶע (כְּלוֹמַר דַיין שְׁטְרָאף הָאסְטוּ שׁוֹין אָפּ גִינוּמֶען) הַיינְט הֶער שׁוֹין אוֹיף זֵיי נָאךְ צוּ יָאגִין. קוּם מִיט מִיר. וֶועסְטוּ קוּמֶען צוּ דַיין זַאךְ.

אִיז עֶר מִיט אִים גִיגַאנְגֶען. אוּן עֶר הָאט מוֹרָא גִיהַאט. מִיט אִים צוּ רֶעדְן אוּן צוּ פְרֶעגִין אִים עֶפֶּעס וָוארִין אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ. טָאמֶער עֶפְנְט עֶר אוֹיף דָאס מוֹיל אוּן וֶועט אִים אַיינְשְׁלִינְגֶען. אִיז עֶר אִים נָאךְ גִיגַאנְגֶען.

דֶערְוַוייל הָאט עֶר בַּאגֶעגִנְט זַיין חָבֵר. וָואס עֶר הָאט נָאךְ גֶעיָאגְט דָאס פֶערְד. אוּן תֵּיכֶּף וִוי עֶר הָאט אִים דֶערְזֶעהְן. הָאט עֶר אִים תֵּיכֶּף אֵיין ווִינְק גִיטָאן. אַז דָאס אִיז גָאר קֵיין מֶענְטְשׁ נִישְׁט אוּן זָאלְסְט מִיט אִים גָאר נִיט הַאנְדְלֶען. וָוארִין דָאס אִיז גָאר קֵיין מֶענְטְשׁ נִישְׁט.

אוּן אִיז תֵּיכֶּף גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט אִים דָאס אַיין גִירוֹימְט אִין אוֹיעֶר אַרַיין. אַז דָאס אִיז גָאר קֵיין מֶענְטְשׁ נִישְׁט וְכוּ' (כַּנַּ"ל) דֶערְוַוייל הָאט יֶענֶער אַ קוּק גִיטָאן (דְהַיינוּ דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם פֶערְד)

הָאט עֶר גִיזֶעהְן. עֶר הָאט אֵיין זַאק מִיט בְּרוֹיט אוֹיף דִי פְּלֵייצֶעס. הָאט עֶר אִים אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ בֶּעטִין. בְּרוּדֶער. עֶס אִיז שׁוֹין כַּמָה טֶעג אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גִיגֶעסִין. גִיבּ מִיר בְּרוֹיט.

הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. דָא אִין דֶער מִדְבָּר הֶעלְפְט קֵיין שׁוּם זַאךְ נִיט. וָוארִין מַיין לֶעבִּין אִיז בִּילְכִיר. אִיךְ בַּאדַארְף דָאס בְּרוֹיט פוּן מַיינֶעט וֶועגִין. הָאט עֶר אִים אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ בֶּעטִין.

אוּן עֶר הָאט אִים זֵייעֶר גִיבֶּעטִין. אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבִּין וָואס אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבְּן (נָאר אִין דֶער מִדְבָּר הֶעלְפְט בְּוַודְאַי קֵיין שׁוּם גָאבּ נִיט פַאר בְּרוֹיט) הָאט עֶר אִים (נָאר אִין דֶער מִדְבָּר הֶעלְפְט בְּוַודְאַי קֵיין שׁוּם גָאבּ נִיט פַאר בְּרוֹיט) גִיעֶנְפֶערְט. וָואס קָאנְסְטוּ מִיר גֶעבִּין פַאר בְּרוֹיט אִין דֶער מִדְבָּר.

הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט (דְהַיינוּ דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם פֶערְד וָואס עֶר הָאט עֶס גִיבֶּעטִין דָאס בְּרוֹיט הָאט גִיזָאגְט צוּ דֶעם מֶענְטְשְׁן פוּן דִי בְּהֵמוֹת וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען דֶער אֱמֶתְ'ר בֶּן מֶלֶךְ) אִיךְ גִיבּ מִיךְ אִין גַאנְצְן אַוֶועק. אִיךְ פַארְקוֹיף מִיךְ צוּ דִיר פַאר אַ קְנֶעכְט פַאר דֶעם בְּרוֹיט.

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. (דְהַיינוּ דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דִי בְּהֵמוֹת הַנַּ"ל) קוֹיפִין אַ מֶענְטְשְׁן אִיז כְּדַאי אִים צוּ גֶעבִּין בְּרוֹיט. הָאט עֶר אִים גִיקוֹיפְט פַאר אֵיין אֵייבִּיגִין קְנֶעכְט.

אוּן עֶר הָאט אִים גִישְׁווָאוִירִין מִיט שְׁבוּעוֹת. אַז עֶר זָאל אִים זַיין אֵיין אֵייבִּיגֶער קְנֶעכְט אַפִילוּ אַז זֵיי וֶועלִין קוּמֶען אִין יִישׁוּב אַרַיין. אוּן עֶר זָאל אִים גֶעבִּין בְּרוֹיט. דְהַיינוּ זֵיי זָאלִין בֵּיידֶע עֶסִין פוּן דֶעם זַאק בְּרוֹיט בִּיז סֶע וֶועט אוֹיס גֵיין.

אוּן זַיי בֵּיידֶע זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אִין אֵיינֶעם אוּן זֶענֶען נָאךְ גִיגַאנְגֶען דֶעם מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם וַואלְד. אוּן דֶער קְנֶעכְט אִיז אִים נָאךְ גִיגַאנְגֶען (דְהַיינוּ דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם פֶערְד וָואס עֶר הָאט זִיךְ פַארְקוֹיפְט פַאר אַ קְנֶעכְט. אִיז נָאךְ גִיגַאנְגֶען נָאךְ דֶעם מֶענְטְשְׁן פוּן דִי בְּהֵמוֹת וָוארִין עֶר אִיז שׁוֹין זַיין קְנֶעכְט גִיוֶוען. אוּן זַיי בֵּיידֶע זֶענֶען נָאךְ גִיגַאנְגֶען דֶעם מֶענְשְׁן פוּן דֶעם וַואלְד)

אוּן דֶערְוַוייל אִיז שׁוֹין אִים אַבִּיסִיל גְרִינְגֶער גִיוָוארִין (מַחְמַת עֶר הָאט גִיהַאט שׁוֹין אַ קְנֶעכְט) אַז עֶר הָאט בַּאדַארְפְט אוֹיף הֵייבְּן עֶפֶּעס אַ זַאךְ אָדֶער עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ טוּן.

הָאט עֶר גֶעהֵייסְן זַיין קְנֶעכְט אַז עֶר זָאל עֶס אִים אוֹיף הֵייבִּין אָדֶער עֶפֶּעס טוּן. אוּן זַיי זֶענֶען אִין אֵיינֶעם נָאךְ גִיגַאנְגֶען דֶעם מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם וַואלְד זֶענֶען זַיי גִיקוּמֶען צוּ אֵיין אָרְט. וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען נְחָשִׁים וְעַקְרָבִּים (דְהַיינוּ שְׁלֶענְג אוּן עֶקְדִישְׁין)

הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר אִיבֶּער גִישְׁרָאקִין. אוּן מַחְמַת פַּחַד הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם וַואלְד וִוי אַזוֹי וֶועלִין מִיר דָא אַרִיבֶּער גֵיין הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. אֶלָא מַאי וִוי אַזוֹי וֶועסְטוּ אַרַיין אִין מַיין שְׁטוּבּ. אוּן הָאט אִים גֶעוִויזְן זַיין שְׁטוּב וִוי זִי שְׁטֵייט אִין דֶער לוּפְטִין.

זֶענֶען זַיי גִיגַאנְגֶען מִיט אִים (דְהַיינוּ מִיט דֶעם מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם וַואלְד) אוּן עֶר הָאט זַיי בְּשָׁלוֹם אִיבֶּער גֶעפִירְט. אוּן עֶר הָאט זַיי אַרַיין גִיבְּרַאכְט אִין זַיין שְׁטוּבּ אַרַיין. אוּן הָאט זַיי גִיגֶעבִּין עֶסִין אוּן טְרִינְקֶען. אוּן אִיז אַוֶועק גִיגַאנְגֶען.

אוּן דֶער (דְהַיינוּ דֶער אֱמֶתְ׳ר בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר הָאט דִי בְּהֵמוֹת גֶעטְרִיבְּן) הָאט זִיךְ גֶעשַׁאפְט מִיט זַיין קְנֶעכְט. וָואס עֶר הָאט גִידַארְפְט. הָאט עֶס דֶעם קְנֶעכְט זֵייעֶר פַארְדְרָאסִין. וָואס עֶר הָאט זִיךְ פַארְקוֹיפְט פַאר אַ קְנֶעכְט פוּן אֵיין שָׁעָה וֶועגִין וָואס עֶר הָאט בַּאדַארְפְט בְּרוֹיט צוּ עֶסִין. וָוארִין הַיינְט הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין וָואס צוּ עֶסִין. אוּן נָאר פוּן אֵיין שָׁעָה וֶועגִין זָאל עֶר זַיין אֵייבִּיגֶער קְנֶעכְט.

אוּן עֶר הָאט אַ גְרוֹיסְן זִיפְץ גִיטָאן. צוּ וָואס אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען. אַז אִיךְ זָאל זַיין אֵיין קְנֶעכְט. הָאט עֶר אִים גִיפְרֶעגְט (דְהַיינוּ דֶער אֱמֶתְ׳ר בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז זַיין הַאר גִיוֶוען הָאט אִים גִיפְרֶעגְט) וָואס פַאר אַ גְדוֹלָה הָאסְטוּ עֶס גִיהַאט. אַז דוּ זִיפְצְט. וָואס דוּ בִּיסְט דֶערְצוּ גִיקוּמֶען.

הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט אוּן הָאט אִים דֶערְצֵיילְט. בַּאֲשֶׁר עֶר אִיז גִיוֶוען אֵיין מֶלֶךְ. הָאט מֶען אוֹיף אִים גִיזָאגְט. אַז עֶר אִיז פַארְבִּיטִין גִיוָוארִין וְכוּ׳ כַּנַּ״ל. (וָוארִין דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם פֶערְד דָאס אִיז טַאקֶע גִיוֶוען דֶער מֶלֶךְ אַלֵיין וָואס צוּם אֶמֶת אִיז עֶר גִיוֶוען דֶער בֶּן הַשִּׁפְחָה)

הָאט עֶר פַארְטְרִיבִּין זַיין חַבֶר (דְהַיינוּ דֶעם אֱמֶתְ׳ן בֶּן מֶלֶךְ) אַמָאל אִיז אִים גִיקוּמֶען אוֹיף דֶער דֵיעָה אַז עֶר הָאט נִיט רֶעכְט גִיטָאן. אוּן עֶר הָאט חַרָטָה גִיהַאט וְכוּ׳. פְלֶעגְט אִים קוּמֶען אִין זִין אַלְץ חַרָטוֹת תָּמִיד אוֹיף דֶעם מַעֲשֶׂה רַע אוּן אוֹיף דֶער גְרוֹיסֶער עַוְולָה וָואס עֶר הָאט אַקֶעגִין זַיין חַבֶר גִיטָאן.

אַמָאל הָאט זִיךְ אִים גֶע׳חָלֶמְ׳ט אַז זַיין תִּיקוּן אִיז. אַז עֶר זָאל אַוֶועק וַוארְפִין דִי מְלוּכָה. אוּן עֶר זָאל גֵיין וִוי הִין דִי אוֹיגִין וֶועלְן אִים טְרָאגִין. אוּן דֶערְמִיט וֶועט עֶר פַאר רֶעכְטִין זַיין חֵטְא. הָאט עֶר דָאס נִישְׁט גִיוָואלְט טָאן. נָאר סֶע פְלֶעגִין אִים מְבַלְבֵּל זַיין תָּמִיד דִי דָאזִיגֶע חַלוֹמוֹת. אַז עֶר זָאל אַזוֹי טָאן.

בִּיז סֶע אִיז בַּיי אִים גִיבְּלִיבְּן אִין דֶער דֵיעָה אַז עֶר זָאל אַזוֹי טָאן. אוּן עֶר הָאט אַוֶועק גֶעוָוארְפְן דִי מְלוּכָה. אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען וִוי עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען בִּיז עֶר אִיז אַהֶער גִיקוּמֶען. אוּן הַיינְט זָאל עֶר זַיין אַ קְנֶעכְט. אוּן דֶער הֶערְט דָאס אַלְץ אוּן שְׁוַוייגְט (דְהַיינוּ דֶער אֱמֶתְ׳ר בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר הָאט גִיטְרִיבְּן בְּהֵמוֹת. הָאט דָאס אַלְץ אוֹיס גִיהֶערְט וָואס דֶער דֶערְצֵיילְט אִים אַלְץ) אוּן עֶר הָאט זִיךְ גִיטְרַאכְט. אִיךְ וֶועל שׁוֹין וִויסִין וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירִין מִיט דִיר.



## א חדר
## אין לאקוב פולין



# מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע

המשך פון זייט 3

אִין אַלֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט בַּאמֶערְקְט ווִי דִי שָׁעוֹת לוֹיפְן דוּרְךְ. אַ קוֹל פוּן אַ דֶערְוואקְסֶענֶער אִיד וָואס שְׁטֵייט אוּנְטֶער מִיר הָאט מִיר פְּלוּצְלִינְג אוֹיפְגֶעשָׁאקְלְט. עֶר פְּרֶעגְט מִיר: "אִינְגֶעלֶע, וָואסְפַארַא סֵפֶר הָאסְטוּ דָא?" אִיךְ וֵוייז אִים דֶעם סֵפֶר, אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי עֶר אִיז דָא אַרוֹיסְגֶעוַואקְסְן אוּנְטֶער מַיין רוּקְן, דֶער אִיד בְּלִיקְט אַרַיין אִינֶעם סֵפֶר: "אוֹיבּ בִּיזְטוּ אַזוֹי פַארְטוּן אִין דֶעם סֵפֶר וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן דִי זֶעלְבֶּע סֵפֶר אָבֶּער אַ נַייעֶ" זָאגְט דֶער אִיד וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד וֶועלְכֶער אִיז גֶעזֶעסְן אִין שׁוּל טָאג אוּן נַאכְט אוּן עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, נָאר אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט בַּאמֶערְקְט אַרַיינְקְרִיכְנְדִיג דוּרְכְן פֶענְסְטֶער. 'מֹשֶׁה טַאנְצֶער' רוּפְט מֶען אִים אִין שְׁטֶעטְל, וַוייל עֶר טַאנְצְט אַ גַאנְצְן טָאג. דָא הַאלְט מֶען אִים פַאר אַ מְשׁוּגָענֶעם, זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט וָואס עֶס בְּרֶענְגְט אִים דִי רִקּוּדִים וָואס עֶר מַאכְט אַזוֹי אָפְּט.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט צוּ דֶעם שֵׁיינֶעם נַייעֶם סֵפֶר. אִינֶעם סֵפֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דֶער נָאמֶען פוּן דֶעם אִיד וָואס הָאט גֶעדְרִיקְט דֶעם סֵפֶר, "רֶבִּי אַהֲרֹן צִיגֶלְמַאן פוּן וַוארְשֶׁע". עֶר פַארְשְׁפְּרֵייט טוֹיזְנְטֶער סְפָרִים דָא אִין פּוֹילְן אוּן אִיז מְקָרֵב אַ גֶעוַואלְד מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם רֶבִּי'נְס וֶועג.

וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז אִין וַוארְשֶׁע קָאכְט זִיךְ אַ קֶעסְל פוּן דֶעם רֶבִּי'נְס פַייעֶר אוֹיף אַ הוֹיכֶע פְלַאם, הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן מַיין טַאטְן עֶר זָאל מִיר לָאזְן גֵיין לֶערְנֶען אִין אַ יְשִׁיבָה אִין וַוארְשֶׁע אוּן נִישְׁט זִיצְן אִין דֶעם שְׁמָאלְן שְׁטֶעטֶעלֶע. מַיין טַאטֶע הָאט מִיר טַאקֶע צוּלִיבּ גֶעטוּן אוּן גֶעלָאזְט פָארְן לֶערְנֶען אִין וַוארְשֶׁע, וואוּ אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶעבִּינְדְן מִיט אַ אֱמֶת'ן קֶשֶׁר צוּ דִי בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ חֲסִידִים אוּן זֵייעֶר הֵיילִיגֶער רֶבִּי.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ צוּ דֶערְצֵיילְן, אִיךְ וֶועל זִיךְ דָא אָפְּשְׁטֶעלְן בעז"ה דִי אַנְדֶערֶע וָואךְ וֶועל אִיךְ מַמְשִׁיךְ זַיין.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער: דֶער אִינְגֶעלֶע יִצְחָק, אִיז נִישְׁט קֵיין אַנְדֶערֶער ווִי ר' יִצְחָק גֶעלְבַּאך זַ"ל

דא וועלן מיר ברענגען איינע פון די עובדות פון דעם חשוב'ן ברסלב'ער חסיד ר' יצחק געלבאך ז"ל

## דער וואונדערליכער בעכער

"וואו זאגסטו צו דער המצאה, דו האלסט אז ס'וועט מצליח זיין?" איז געווען דער שאלה פון א איד וואס איז געקומען זיך שואל עצה זיין מיט ר' יצחק וועגן א ביזנעס אינטערנעמעונג. דער איד האט געוואלט עפענען א זילבער פאבריק אבער ער האט נישט געהאט שטארקייט אריינצוטאנצן אינעם געשעפט.

"זיכער זאלסטו טאן דערין, און איך וועל

המשך אויף קומענדיגער זייט

המשך אויף קומענדיגער זייט זיין בעז"ה דיין ערשטער קונה", האט ר' יצחק אים פארזיכערט. דארט אויפ'ן פלאץ, ביים עק גאס אין מאה שערים, האט ר' יצחק באשטעלט א בעכער צו מאכן קידוש דערין. דער איד האט געמאכט א בעכער וואס איז געווען א מייסטערווערק, א כלי מפואר. ער האט אריינגעלייגט אלע זיינע כוחות אין דער ערשטער באשטעלונג.

דער בעכער איז אויסגעקומען אזוי פראכטיג און גרויס אז מען געדארף אריינלייגן א קלענערע גלאז דערין נישט צו דארפן טרינקען אזא גרויסער שיעור! פארשטייט זיך אז דער פרייז איז געווען א שפיגל צו איר גרויסקייט. אזא לוקסוס'דיגער בעכער וואלט ר' יצחק קיינמאל זיך נישט פארגינען אדער גע'חלומ'ט צו לאזן קאסטן, אבער צו העלפן א איד זיך צו שטעלן אויף די פוס איז דאס געווען א וויכטיגע הוצאה. שבת לייכטערס האבן די געלבאך'ס נאכנישט פארמאגט. די רעביצין יבל"ח פלעגט צינדן די שבת ליכט אין קארטאפל. מען פלעגט אויפשניידן אפאר קארטאפלעך אין אויסגעגראבן א גרוב וואו מען האט אריינגעלייגט די לעכט צו צינדן. אפילו א מנורה האבן זיי נישט געהאט א לייטישער אבער א גרויסארטיגע בעכער וואס האט געקאסט א הון רב האבן זיי שוין פארמאגט!

דער בעכער וואס איז געמאכט געווארן מיט מסירות נפש האט א געוואלדיגע סגולה. רעביצין געלבאך תחי', דערציילט ווי אזוי דער אויסטערלישער בעכער איז

געווען א סגולה צו רפואה:

"אין א פרייטאג אינדערפרי ווען איך בין געווען פארנומען מיט דער הכנות לשבת האב איך באקומען אן היסטערישע טעלעפאן רוף פון מיין טאכטער. מיט א בהלה האט זי מיר געשילדערט אז איר אייניקל האט שוין פאר א לאנגע צייט א אויער אנטצינדונג וואס האלט אין איין צוריקקומען. און די אנטיביאטיק האט נישט קיין שליטה איבער דעם. יעצט איז ער געווארן האלב פארשלאפן פון הויכע היץ. ווען מען רעדט צו אים רעאגירט ער שוואך. ער זעט נישט אויס גוט.



איך בין געווארן זייער באזארגט פאר'ן קינד'ס וואוילזיין און אנגעהויבן צו מתפלל זיין פאר אים. איך האב מחליט געווען צו מהנה זיין דעם שבת קודש מיט עפעס ספעציעל מער ווי יעדע וואך. עס איז מיר איינגעפאלן ארויסצונעמען דעם הערליכן בעכער וואס איז געווען פארפאקט אין שאפע זייט מיין מאן'ס פטירה. איך האב עס שיין אויסגעפיצט און געלייגט צום טיש לכבוד שבת קודש. מיין זון האט געמאכט קידוש דערין ווען איך בין מתפלל בשעת מעשה.

דער ערשטער טעלעפאן רוף גלייך ביים זמן מוצאי שבת איז געווען פון מיין טאכטער. איר רואיגע קול האט מיר אנגעזאגט אז דער מצב האט זיך סטאביליזירט. מיין טאכטער האט מיר אנגעזאגט די גוטע בשורה אז דער קינד האט זיך אויפגעכאפט און ער גייט ב"ה צו בעסערונג.

# א שמועס מיט'ן זיידן




**יַעֲנְקֶעלֶע:** זֵיידֶע, מֶען גֵייט שׁוֹין אָט אָט צִינְדְן דִי חֲנוּכָּה לִיכְט. אִיךְ ווִיל שׁוֹין אָנְגְרֵייטְן מַיין מְנוֹרָה אִינְדֶערְפְרִי, אַז וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים פוּן חֵדֶר זָאל עֶס שׁוֹין זַיין גְרֵייט!

**זֵיידֶע:** יַעֲנְקֶעלֶע, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן דַיין מְסוּדֶרְ'דִיגְקַייט, אַז דוּ טְרַאכְטְּסְט שׁוֹין יָא פוּן חֲנוּכָּה כַאפּ אַרַיין אַ קְלֵיינְטְשִׁיגֶע תְּפִלָּה צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען זִינְגֶען שֵׁיין דִי זְמִירוֹת בַּיים דִי מְנוֹרָה, דַיין טַאטֶע און מַאמֶע זָאלְן הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דַיין זִינְגֶען, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער און אַלֶע מַלְאָכִים וֶועלְן זִיךְ אֵיינְזַאמְלְן צוּ הֶערְן דַיין זִיסֶע קוֹל.

**יַעֲנְקֶעלֶע:** אִיךְ שֶׁעם זִיךְ זֵייעֶר צוּ זִינְגֶען הוֹיךְ, מַיין טַאטֶע בֶּעט מִיר אַלֶעמָאל אִיךְ זָאל אִים צוּהֶעלְפְן, אָבֶּער אִיךְ זִינְג נָאר.. אֶפְשָׁר אַ הַאלְבֶּע נִיגוּן, סַיי ווַייל אִיךְ ווֵייס אַז אִיךְ זִינְג נִישְׁט שֵׁיין, און אוֹיךְ בְּעִקָּר ווַייל אִיךְ מַיין עֶס נִישְׁט אֶמֶת'דִיג.

**זֵיידֶע:** יַעֲנְקֶעלֶע אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וואס דוּ רֶעדְסְט, ווָאס מֵיינְסְטוּ נִישְׁט אֶמֶת'דִיג? לְמָשָׁל ווֶען אִיךְ דַאוֶוען אִין חֵדֶר, ווִיל אִיךְ נִישְׁט דַאוֶוענֶען הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל ווַייל אִיךְ מַיין עֶס נִישְׁט אֶמֶת'דִיג, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גוּט אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען ווָאס אִיךְ מַיין צוּ זָאגְן... אִיךְ בִּין נִישְׁט אַזוֹי עֶרְנְסְט מִיט דוּ ווֶערְטֶער ווָאס אִיךְ זָאג!

**זֵיידֶע:** יַעֲנְקֶעלֶע דָאס ווָאס דוּ קֶענְסְט נִישְׁט און דִי ווֵייסְט נִישְׁט און דוּ פִּילְסְט נִישְׁט, דָאס זָאגְט דַיין יֵצֶר הָרָע דָאס אִיז דִּמְיוֹנוֹת אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי אִין תּוֹרָה מ"ח צְווֵייטְן חֵלֶק, ווֶען אַ אִינְגְל ווִיל זִיךְ נֶעמֶען צוּם דַאוֶוענֶען און זִינְגֶען צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן דַאכְט זִיךְ אִים, עֶר מֵיינְט אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט.

דִי אַלֶע דִּמְיוֹנוֹת הָאט גָארְנִישְׁט מִיט דִיר צוּ טוּן. דָאס אִיז אַ גְלַאטֶער הוֹילֶער דִּמְיוֹן. אַלֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת ווָאס דְרֵייט זִיךְ אִין דַיין קָאפּ קוּמְט נָאר פוּן אֵיין שְׁלֶעכְטֶער מַלְאָךְ... הֶער אִים נִישְׁט אוֹיס, עֶנְדֶערְשׁ הֶער אוֹיס דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן ווָאס זָאגְט קְלָאר אַז דָאס גֶעשֶׁעט ווֶען מֶען ווִיל זִיךְ נֶעמֶען צוּ עֶפֶּעס אַ הֵיילִיגֶע זַאךְ... ר' נָתָן בְּרֶענְגְט אַז ווֶען אַ אִינְגְל ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק טוּן אַ גוּטֶע זַאךְ, שִׁיקְט אִים דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַ גוּטֶער מַלְאָךְ ווָאס זָאל אִים בַּאגְלֵייטְן און הֶעלְפְן אוֹיסְפִירְן עֶר זָאל דָאס קֶענֶען טוּן.

**יַעֲנְקֶעלֶע:** זֵיידִי הָאסְט מִיר בֶּאֱמֶת גֶעגֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע חֲנוּכָּה מַתָּנָה. אִיךְ גֵיי בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר שִׁיקְן אַ גוּטְן מַלְאָךְ ווָאס זָאל מִיר הֶעלְפְן דַאוֶוענֶען, מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, לֶערְנֶען, און פַארְגִינֶען מַיינֶע חֲבֵרִים, עֶר זָאל מִיר הֶעלְפְן מַיינֶע אוֹיגְן זָאלְן נָאר זֶען גוּטְס אִין יֶעדְן אֵיינֶעם און יֶעדֶע זַאךְ ווָאס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער טוּט.

**זֵיידֶע:** אִיךְ ווִיל דִיר נָאר פַארְצֵיילְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה ווָאס אִיז גֶעשֶׁען מִיט ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער אִין גְרָאדְזִיסְק. ווֶען ר' לֵוִי יִצְחָק

איז נאָך געווען גאַנץ אַ אינגער קינד, איז געקומען צו פאָרן דער מושל, אין פוילן פלעגט מען זיי רופן דער גובערנאַטאָר, ער איז געווען דער מושל אויף יענער געגנט.

קומענדיג באזוכן די אידן, האָבן זיך פאַרזאַמלט די בעלי בתים און חשוב'ע אידן אין שול דאָרט אויפצונעמען דעם מושל מיט די שענסטע וואָס זיי האָבן געקענט צושטעלן מיט זייערע אָרימקייט. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען צו גרויסאַרטיגע פאַראַדעס און לוקסוס אויפצונעמען דעם מושל ווי עס פאַסט. דער מושל איז אַריינגעקומען אין דער אָרימער שול.

עס האָט זיך דאָרט אויפגעשטעלט דער רב רעדן, מיט זיין צוהאַקטן פוילישן שפּראַך וואָס ער האָט נישט געקענט. דער ראש הקהל האָט געדאַרפט איבערטייטשן אויף פויליש די ברכות וואָס דער רב האָט געבענטשט דעם מושל, און אפילו זיין שפּראַך איז געווען זייער אָרים. דער רב, איבערגעשטרענגט פון דער גאַנצער עסק, האָט אינמיטן זיין דרשה גענומען די עק פון זיין רעקל און זיך אָפּגעווישט די שווייס פון נאָז און פּנים, דאָס האָט זייער פאַרשעמט די אידן און געוואָרן אויף זיי אַ פּחד אַז דער מושל וואָס איז גראָדע נישט געווען אַזאַ אידן ליב האָבער, וועט דאָס אפשר גורם זיין אַז ער וועט אָנטון שלעכטס פאַר די אידן נאָך אַזאַ פּשוט'ע אויפנאַמע.

ווידעראום, די גוים האָבן זיך פאַרזאַמלט אין זייער קלויסטער. זיי האָבן פאַרשטאַנען צו לוקסוס און רייכקייט. דאָרט איז געווען צוגעגרייט שיינע רויטע טאַפּעטן מיט גאָר טייערע געשמירטע קוכן מיט געשמאַקע געריכטן. די דרשות זענען דאָרט געזאָגט געוואָרן מיט שיינע און רייכע לשונות, מיט פּיפיגע חנופה'דיגע רייד וואָס האָט אויסגעזען רייך אויף גאָר אַ הויכע שטאַפּל.

שטעל דיך פאָר יענקעלע וואָס דער מושל האָט זיך אויסגעדריקט ווען ער האָט זיך אַהיימגעקערט נאָכן באזוך אין שטאָט: "דאָרט ביי די גוים איז געווען שיין, אָבער ביי די אידן געווען אמת!"

ער האָט געמיינט צו זאָגן אַז די אידן זענען געווען אָריגינאַל אָן קיין חניפה און חן של שקר. יעדעס וואָרט וואָס זיי האָבן געזאָגט האָבן זיי געמיינט מיטן גאַנצן אמת, אפילו אַזוי ווי עס איז אַרויסגעקומען.



באן סטאנציע אין גראדזיסק

פאַרשטייסט יענקעלע ביי אונז אידן איז אמת! אפילו דער גוי פאַרשטייט אַז דאָס איז אמת, דאַרפן מיר זיכער וויסן אַז אונזער דאווענען און זינגען איז אמת און ריין!!

**יענקעלע:** שכח זיידי, האָ! איך גלייב טאַקע אַז דער אמת ליגט ביי מיר, ווייל מיין נשמה קומט דאָך גלייך פון אונטערן כסא הכבוד, און דער אויבערשטער איז דאָך ואמת ה' לעולם, איך וואַרט שוין צו קענען זינגען דעם "נפשנו חכתה לה' עזרנו ומגננו הוא" איך האָב זייער שטאַרק ליב דער ניגון 'רננו צדיקים'.

**זיידי:** און אַלע צדיקים אין גן עדן וועלן מיטזינגען...

בס"ד

# דעם רבינ'ס מעשיות



נאמען________________________

טעלפון________________________

שטאט________________________

# בחינה אויף ספורי מעשיות

## די עלעפטע מעשה (3) - דער בן מלך און בן שפחה וואס זענען פארביטן געווארן

**א. וואס האט דער אמת'ער בן המלך געטוהן אינדערפרי ווען ער האט געזען אז די בהמות זענען נעבן אים?**
- ☐ ער איז אראפ פון בוים זיי צו כאפן און זיי זענען ווייטער אנטלאפן
- ☐ ער האט זיי געכאפט און צו געבונדן צו א בוים
- ☐ ער האט זיי געשלאגן

**ב. ווער האט דער אמת'ער בן המלך געפונען אויפ'ן בוים?**
- ☐ דער סוחר
- ☐ א מענטש
- ☐ זיין חבר

**ג. וואס האט דער אמת'ער בן המלך געענטפערט ווען ער האט אים געפרעגט פון וואו קומסטו אהער?**
- ☐ דורך די בהמות וואס זענען פארגאנגען (פארבלאנדזעט)
- ☐ דורך די פערד וואס איז פארגאנגען
- ☐ דורך עפעס א סוחר

**ד. וואס האבן זיי אפגעשמועסט?**
- ☐ אז אפילו אז זיי וועלן קומען אין ישוב אריין זאלן זיי זיך אויך האלטן אינאיינעם
- ☐ אז מ'דארף נישט נאכלויפן נאך די בהמות און די פערד
- ☐ זיי האבן זיך מחזק געווען איינער דעם אנדערן

**ה. וואס האבן זיי געהערט נאנט צו אינדערפרי?**
- ☐ א קול פון חיות וואס ברומען
- ☐ זייער א גרויס געלעכטער
- ☐ די קול פון די געזאנג פון פייגעלעך

**ו. וואס פאסירט צו די בוימער פון די קול פון די געלעכטער?**
- ☐ זיי ציטערן
- ☐ זיי פאלן אראפ
- ☐ זיי צוברעכן זיך

**ז. וואס האבן זיי געזען ווען ס'איז געווארן טאג?**
- ☐ די בהמות
- ☐ די פערד
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח. וואס האבן זיי געטוהן?**
- ☐ ביידע זענען אראפ נאכלויפן - ער נאך די בהמות, און ער נאך די פערד
- ☐ נאר דער בן המלך איז אראפ נאכלויפן נאך די בהמות און די פערד
- ☐ נאר דער אנדערער מענטש איז אראפ נאכלויפן נאך די בהמות און די פערד

**ט. ווער האט געפונען א זאק מיט ברויט?**
- ☐ דער אמת'ער בן המלך
- ☐ דער צווייטער מענטש וואס איז געווען דארטן
- ☐ ביידע צוזאמען

**י. ווער האט דער אמת'ער בן המלך באגעגנט דארטן?**
- ☐ א מענטש וואס זיינע עלטערן און עלטערנ'ס עלטערן זענען אויפגעוואקסן אין וואלד
- ☐ דער שומר פון וואלד
- ☐ זיין טאטע

**יא. וואס האט דער מענטש אים געענטפערט ווען ער האט געזאגט אז ער יאגט נאך זיינע בהמות?**
- ☐ הער אויף צו נאך יאגן נאכן פערד
- ☐ הער אויף צו נאך יאגן נאך דיינע עוונות
- ☐ הער אויף צו נאך יאגן נאך די בהמות

**יב. פאר וועלכע זאך האט דער אמת'ער בן המלך געגעבן ברויט פאר דער מענטש פון די פערד?**
- ☐ אז ער וועט זיין, זיין קנעכט ביז מ'קומט אין שטאט אריין
- ☐ אז ער וועט זיין, זיין אייביגער קנעכט
- ☐ אז ער וועט אים געבן אסאך געלט

**יג. וואו איז געשטאנען די שטוב פון דער מענטש פון וואלד?**
- ☐ אויף א בוים
- ☐ אין דער לופט
- ☐ אין הימל

**יד. וויאזוי זענען זיי אריין אין דעם שטוב?**
- ☐ זיי זענען אריין געשפרונגען
- ☐ איינער איז ארויף אויפ'ן אנדערן
- ☐ דער מענטש פון וואלד האט זיי אהין געברענגט

**טו. וואס האט פארדראסן פאר דעם קנעכט?**
- ☐ אז ער האט זיך פארקויפט פאר א קנעכט פאר איין שעה וואס ער האט געדארפט ברויט
- ☐ פארוואס נישט ער האט געטראפן די ברויט
- ☐ אז די פערד איז אים פארלוירן געווארן

**טז. וואס האט דער קנעכט פארציילט פאר'ן אמת'ער בן המלך?**
- ☐ אז ער איז געווען א קעניג און מ'האט אויף אים געזאגט אז ער איז פארביטן, האט ער פארטריבן זיין חבר דער אמת'ער בן המלך
- ☐ אז עס פלעגן קומען אויף אים חרטות פארוואס ער האט פארטריבן זיין חבר און ער האט זיך געחלוס'ט אז זיין תיקון איז אז ער זאל גיין וואו אהין זיינע אויגן טראגן אים
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יז. וואס לערנסטו זיך דערוויל ארויס פון די מעשה?**
- ☐ אז וועגן מ'האט עבירות מיינט מען אז מ'דארף שווער ארבעטן (נאכלויפן די בהמות)
- ☐ אז מ'דארף ווארטן ביז מ'זעהט די ישועה
- ☐ אז איך בין א בן ה______,א קינד פון דעם_______.

# מיט אסאך הצלחה!!!

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף. אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה, און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

דעם רבינ'ס ליכט

ארײן צו גיין אין א גורל שיק די בחינה צו א פעקס אין א"י 15326519611 אדער צו: L3233287@gmail.com

# דער ריינער קוואל



צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל,

02-5-3333-72

646-518-1095

1-518-329-9149

צו הערן די געווינער דרוק נומער 4

המשך פון זייט 1

וֶוען אַ אִיד זֶעט וואוּ וַוייט עֶר אִיז פוּן בַּאשֶׁעפֶער און פָּארְט הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז בַּיי אִים אִין שְׁטוּב צִינְד מֶען אָן אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע לֶעכְטֶעלֶעך, וָואס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי תּוֹרָה, אַז מִיר הָאבְּן נָאךְ שַׁייכוּת צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה און אִירֶע מִצְווֹת, שְׁרַייט זִיךְ אִים אַרוֹיס אַ לִידְל צוּם בַּאשֶׁעפֶער...

לָאמִיר זִיךְ פָּארְשְׁטֶעלְן אַ אִינְגְל וָואס אִיז זַייעֶר קְרַאנְק רח"ל און אַסַאךְ דָאקְטוֹירִים הָאבְּן שׁוֹין פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע הֵייל־מִיטְלֶען אִים צוּ אוֹיסְהֵיילְן אָבֶער אָן עֶרְפָאלְג, גָארְנִישְׁט הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, דִי קְרֶענְק שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף אִים פוּן טָאג צוּ טָאג. בִּיז וֶוען אֵיין טָאג, אִיז גֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטָאר און גֶעזָאגְט אַז אִין גָאר אַ וַוייטֶע לַאנְד - וואוּ עֶס קוּמֶען דָארְט נִישְׁט אָן קַיין עֶרָאפְּלַאנֶען - וַואקְסְט אַ גֶעוואוּקס וָואס הָאט אִין זִיךְ גָאר שְׁטַארְקֶע כּוֹחוֹת צוּ קֶענֶען הֵיילְן אַלֶע סָארְטְן קְרֶענְק, עֶס הָאבְּן זִיךְ גְלַייךְ אוּנְטֶערְגֶעגַארְטְלְט גְרוֹיסֶע עַסְקָנִים און צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַ סְפֶּעצִיעלְן עֶרָאפְּלַאן וָואס זָאל בְּרֶענְגֶען דִי רְפוּאָה פוּן דֶעם וַוייטְן מְדִינָה פַאר דֶעם אִינְגְל.

דִי חֲנוּכָּה לִיכְטְל, וָואס אִיז אַזַא הֵיילִיגֶע רְפוּאָה פַאר אוּנְזֶער נֶפֶשׁ און עֶס קוּמְט פוּן גָאר גָאר אַ הוֹיכֶע און וַוייטֶע פְּלַאץ פוּן טוֹיזְנְטֶער און צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער וֶועלְטְן וַוייט פוּן אוּנְז, "מִמֶּרְחָק תָּבִיא לַחְמָהּ" הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער דֶער רוֹפֵא כָּל בָּשָׂר מִיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת עֶס צוּגֶעשִׁיקְט צוּ אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים אוֹיף אוּנְזֶער מְנוֹרָה'לֶע, מַיין קְנוֹיטֶעלֶע מִיט אוּנְזֶער קְרַאנְקֶער נֶפֶשׁ, אַלֶעס מִיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת און לִיבְּשַׁאפְט מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן און וֶוערְן נָאנְט צוּ אִים, נִישְׁט קַיין חִילוּק ווִי שְׁטַארְק קְרַאנְק מִיר זֶענֶען. און דֶערְמִיט זֶענֶען מִיר פַארְזִיכֶערְט מִיט אַ פֶעסְטֶע בִּטָּחוֹן אַז עֶר וֶועט זִיכֶער אוֹיסְפִירְן און טוּן פַאר אוּנְז נָאךְ וואוּנְדֶער בִּיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְפִירְן וַוייל "דְּבַר אֱלֹקֵינוּ יָקוּם לְעוֹלָם" "גָאט פִּירְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיס!" (שילוח הקן ה')

לָאמִיר טַאקֶע פְרֵיילִיךְ זַיין אַז מִיר זֶענֶען אִידְן, מִיר גֵייעֶן בעזה"ה צִינְדְן חֲנוּכָּה לִיכְט בִּתְמִימוּת און בִּפְשִׁיטוּת, אוֹיף אוּנְזֶער מְנוֹרָה. דִי קְלֵיין לִיכְטֶעלֶע וֶועט אוּנְז לִיכְטִיג מַאכְן און בְּרֶענְגֶען נָאנְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער און בַּאלַייכְטְן אַלֶע פִינְסְטֶערֶע פְּלֶעצֶער וואוּ מִיר הָאבְּן דָארְט נָאךְ נִישְׁט מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ אוֹיךְ דָארְט. און בְּקָרוֹב וֶועט נִתְגַלֶּה וֶוערְן דֶעם רֶבִּי'נְס לִיכְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, דֶעם רֶבִּי'נְס עֵצוֹת בִּפְרָט דִי עֵצָה פוּן לוֹיבְּן און דַאנְקְן "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי" און דִי עֵצָה פוּן "הִתְבּוֹדְדוּת" און טְרֶעפְן אוּנְזֶערֶע "נְקוּדוֹת טוֹבוֹת" וֶועט וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, בְּקָרוֹב וֶועלְן מִיר זַיין מִיט מְשִׁיחַ צִדְקֵנוּ און אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִינְאֵיינֶעם, אָמֵן.

